© copyright 2003 AFII

## קאַפּיטל זעקס

[1] נאַך די זאַכן איז רבי מלך המשיח אַוועק אויף יענער זײַט ים כִּנֶרֶת (ים טִיבֶרְיָה).
[2] און אַ ריזיגע מַתנה האָט אים נאָכגעפאָלגט, ווײַל זיי האָבן צוגעזען די אותות וואָס ער האָט אויפגעטאָן פאַר די חולים (די אייניקע וואָס זײַנען געווען קראַנק).
[3] און רבי מלך המשיח איז ארויף צו דעם באַרג, און דאָרטן איז ער געזעסן מיט זײַנע תלמידים.
[4] פֵּסַח האָט זיך דערנענטערט, דער יידישער חַג.
[5] דעריבער, ווען רבי מלך המשיח האָט געעפענט זיינע אויגן, האָט ער געזען אז אַ גרויסע מתנה קומט צו אים, און ער פרעגט פיליפּוס, וואו קענען מיר קויפן לֶחֶם אַז די אייניקע זאָלן עסן?
[6] אָבער ער האָט דאָס געזאָגט אויסצופּרובירן פיליפּוס, ווײַל ער אַליין האַט שוין געוואוסט וואַס ער גייט טאָן.
[7] אין ענטפער, האָט פיליפּוס געזאָגט, צוויי הונדערט דינָרים לֶחֶם וועלן ניט שטײַען פאַר יעדן איינעק צו נעמען אַ ביסל אוכֶל.
[8] איינער פון זײַנע תלמידים, אַנדריי, שמעון כֵּיפָא'ס ברודער, דערציילט אים,
[9] עס געפינט זיך דאָ אַ נָעַר (ייִנגל) וואָס האָט פינף לעבלעך גערשטן און צוויי דגים (פיש), אָבער וואָס זײַנען זיי פאר אַזאַ עולם?
[10] רבי מלך המשיח זאָגט, ווייַזט אָן די אַנָשים (מענטשן) אַז זיי זאלן זיצן. יעצט איז אין דעם פלאַץ געווען אסך גראָז.

דעריבער האָבן זיך די אַנָשים צוגעלעגן, זייער צאָל זייַענדיק אַרום חמשת אֲלָפים (פינף טויזענט).
[11] דעריפאַר, האָט רבי מלך המשיח גענומען די לעבּלעך און נאָך דעם וואָס ער האָט געמאַכט די בְּרָכה, האָט ער דאָס צעטיילט צו די אייניקע במסיבּה (אָנגעלענד) [בּײַם טיש]; און אזוי האָט ער אויך צעטיילט די דגים (פיש) אזוי פיל וואָס זיי האָבן געדאַרפט.
[12] איצט ווען זיי זייַנען זאַט געווען זאָגט רבי מלך המשיח צו זייַנע תלמידים, נעמט די שירַיים (רבי'ס איבערבּלייַבּענע), אז קייַן זאַך זאַל פאַרלוירן ווערן.
[13] דעריבער, וואָס זיי האָבן אָנגעזאַמלט און אנגעשאָטן שנים-עשר (צוועלף) קערבּלעך מיט שירַיִם פון די פינף לעבּלעך גערשטן וואָס זייַנען פאַרבּליבּענע שירַיִם פון די אייניקע האָבּנדיק אָפּגעגעסן.
[14] דעריבּער, די אַנָשים, האָבּנדיק געזען זייַנע אותות [נסימדיקע צייכן], האַבן געזאָגט, דער איינער איז באמת דער נביא, הוא הבּא, דער איינער וואָס קומט אריין אין דעם עולם הזה [דברים 18:15,18].
[15] דעריבּער, יהושע, האָבּנדיק דעת אַז זיי האַלטן בּײַם קומען אים צו כאַפּן כּדי זיי זאָלן צווינגן קבלת המלכות אויף אים, איז ער אַליין אַוועק נאָכאַמאָל צו דעם בּאַרג, אפּטרעטנדיק זיך אַליין.
[16] און אַז ערב איז געקומען, זייַנען זיינע תלמידים אַרונטער געגאַנגען צו דעם ים.
[17] און האָבן זיך אריַינגעלאָזט אין אַ סירה (שיף), און זייַנען געפאָרן אויף יענער זייַט ים צו כּפר-נחום. און חושך (פינסטערניש) איז שוין געקומען און יהושע איז נאָך ניט אָנגעקומען צו זיי.

[18] און ווען א גרויסער ווינט האָט געבלאָזן איז דער ים, געוואָרן אויפגערודערט.

[19] דעריבער, האָבנדיק אָפּגעפאָרן אַן ערך עשרים וחמש אָדער שלשים סטאַדיעס, האָבן זיי געזען רבי מלך המשיח גייענדיק אויף דעם ים און קומענדיק נענטער צו דער סירה (שיף), און זיי זײַנען געווען געפערליך (שוידערלעך) געשראָקן [איוב 9:8].

[20] אָבער ער זאָגט צו זיי, אַני הוּא. שרעקט זיך ניט.

[21] דעריבער, האָבן די תלמידים אים געזוכט אריינצונעמען אין דער סירה (שיף). און די סירה (שיף) איז גלײַך געקומען צום ברעג צו וועלכן זיי זײַנען געפאָרן [תהלים 106:30 תרגום השבעים].

[22] אויף דעם צווייטן טאָג, ווען דער עולם וואָס איז געשטאַנען אויף דער אַנדערער זײַט פון ים כִּנֶּרֶת האָט געזען אַז דאָרט איז געווען בלויז איין סירה (שיף) מיט וואָס אריבערצופאָרן דעם ים. זיי האָבן געוואוסט אז יהושע איז ניט אוועקגעפאָרן מיט זײַנע תלמידים אין דער סירה (שיף), נאָר אַז זײַנע תלמידים זײַנען אַליין אוועק.

[23] דאַן אייניקע סירות (שיפֿן) זײַנען אָנגעקומען אויפֿן ברעג פֿון טיבריה און זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם פּלאַץ וואו זיי האָבן געגעסן דאָס לחם נאָכדעם ווי רבי מלך המשיח אדונינו האָט געמאָכט די בְּרָכָה.

[24] דעריבער, ווען דער עולם האָט געזען אַז סײַ רבי מלך המשיח און זײַנע תּלמידים זײַנען ניטאָ דאָרטן, זײַנען זיי ארײַן אין די סירות (שיפֿן) און געקומען צו כְּפַר-נחום, זוכנדיק יהושען.

[25] און האָבנדיק אים געפונען איבער דעם יַם, האָבן זיי געזאָגט צו אים, רבי, ווען ביסטו אָנגעקומען דאָ?

[26] אין ענטפֿער , רבי, מלך המשיח האָט געזאָגט, אמן, אָמן, זאָג

איך צו אײַך, איר זוכט מיר ניט ווײַל איר האָט געזען אותות
(נסימדיקע צייכנס), נאָר ווײַל איר האָט געגעסן די לעבלעך
ברויט און זײַנען געוואָרן אָנגעפילט.

[27] אַרבעט ניט פֿאַר דעם אוכֶל (עסן) וואָס ווערט פארדאָרבן, נאָר
פאָר דעם אוכל (עסן) וואָס בלײַבט איבער פֿאַר חיי עולם, וואָס
דער בן האדם [משיח] וועט אײַך געבן, ווײַל אלוהים האַבֿ האָט
געלײַגט זײַן חָתָם (זיגל) אויף דעם איינעם [ישעיה 55:2].

[28] דעריבאַר האָבן זיי געזאַגט צו רבי מלך המשיח, וואָס קענען מיר
טאָן אַז מיר זאָלן עוסק זיין אין די פְּעולות פֿון השם?

[29] אין ענטפֿער האָט רבי מלך המשיח געזאָגט צו זיי, דאָס איז
די מצוה פון השם, אַז איר זאָלט אמונה האָבן אין רבי מלך
המשיח געשיקט געוואָרן פון השס.

[30] דעריבאַר, האָבן זיי געזאָגט, צו אים, וואָס פֿאַר אַ אות (צייכן)
דאַן וועסטו מאַכן אַז מיר זאָלן קענען זען און זאָלן האָבן
אֶמונה אין דיר? וואָס טוסטו?

[31] אבֿותינו האַבן געגעסן די מַן אין דעם מדבר [במדבר
11:7-9, שמות 16:4,15; נחמיה 9:15] ווי עס שטייט געשריבן
לֶחֶם פֿון שמים האָט ער זיי געגעבן צום עסן). [תהלים 78:24;
105:40]

[32] דעריבער, האָט רבי, מלך המשיח געגאָגט צו זיי, אמן, אמן,
זאָג איך אײַך, עס איז ניט געווען משה וואָס האָט אײַך געגעבן
דעם לֶחֶם פֿון דעם שמים, נאָר אָבי וועלכער גיט אײַך דאַס לֶחֶם
האָמיתּי (דאָס אֶמתע ברויט) פֿון שמים.

[33] ווײַל דאָס לֶחֶם פֿון השם איז דאָס וואָס קומט אַרונטער
פֿון שמים און גיט חיים (לעבן) צום העולם.

[34] דעריבער האָבן זיי געזאָגט צו רבי, מלך המשיח, אדוני, גיט
אונדז אלעמאָל דאס לֶחֶם.

[35] רבי, מלך המשיח האָט זיי געענטפֿערט, אַני הוא

[שמות 3:14] דער לֶחֶם החַיִים; דער איינער וואָס קומט צו מיר הונגערט קיינמאָל ניט און דער איינער מיט אמונה אין מיר וועט קיינמאל ניט דורשטן ווידער.

[36] אבּער איך האָבּ אײַך געזאָגט אַז כאָטש איר האָט געזשן מיר האָט איר ניט געהאַט בּיטחון, עס פֿעלט אײַך אמונה.

[37] אַלץ וואָס האַבּ גיט מיר וועט צו מיר אָנקומען און דער איינער וואַס קומט צו מיר וועל איך קיינמאָל אָפּקערן.

[38] ווײַל איך בּין געקומען פֿין שמים ניט אַז איך זאַל טאָן דעם אייגענעם רָצון (ווילן), נאָר דעם רצון פֿון דעם איינעם האָבּנדיק מיר געשיקט.

[39] יעצט איז דאָס דער רצון (ווילן) פֿון דעם איינעם וואָס האָט מיר געשיקט , אַז פֿון אַלץ וואָס ער האָט מיר געגעבּן זאָל איך גאָרניט פאַרלירן אָבּער איך וועל דאָס אויפהויבּן אין דעם לעצטן יום (לעצטן טאָג).

[40] ווײַל דאָס איז דער רצון (ווילן) פֿון אבי; אַלע זעענדיק דעם בֶּן [האֶלוּהים משיח] און גלויבּנדיק אין אים זאָלן האָבּן חיי עולם, און איך וועל אים אויפהייבּן צום יום האחרון.

[41] דעריבּער האָבּן די פֿון יהוּדה געמוּרמלט וועגן רבי מלך המשיח, ווײַל ער האָט געזאָגט, אַני הוא [שמות 3:14] דאָס לֶחֶם וואַס איז ארונטער פֿון שמים [שמות 16:4].

[42] און זיי האָבּן גערעדט, איז דער דאָזיקער מאָן ניט יהושע בֶּן יוסף [בֶּן דוד], און קענען מיר ניט זײַן אבּ און זיין אֵם? ווי קען ער איצט דערציילן, פֿון דעם שמים בּין איך ארונטער געקומען [יוֹחנן 1:1,14]

[43] רבי, מלך המשיח האָט געענטפֿערט און געזאָגט צו זיי, בּורטשעט ניט צווישן זיך.

[44] קיינער קען צו מיר ניט קוּמען אחוץ האַבּ וואָס האָט מיר געשיקט וועט אים צוציען, און איך וועל אים אויף הייבּן אין

דעם יום האַחרון.

[45] עס איז געווען געשריבן אין די נבֿיאים וכל די למדי השם (ג-ט וועט זיי אלע לערנען [ישעיה54:13]. אַלע האָבנדיק געהערט פֿון האבֿ און האָבנדיק געלערנט קומען צו מיר.

[46] עס איז ניט אַז עמיצער האַט געזען האַבֿ אחוץ דער איינער וואָס איז געשיקט פון השם; דער איינער האָט געזען האבֿ.

[47] אמן, אמן, זאָג איך צו אײַך, דער איינער וואָס האָט אמונה הָאט חיי עולם. [משיח נוצט דעם מעטאָפאָר פֿון עסן צו וואָרענען אַז איינער מוז זײַן מקבל משיח, דער שה האלוהים לאָם פון אויסלייזונג, דער איינערבְּוַדאי (זיכער) משיח אָדער אייער קען ניט האָבן חיי עולם (אייביק לעבן); אָט איז אָ קרבן פֿון הימליס אפֿיקומן און פסח כוס.]

[48] אני הוא דאס לֶחֶם החיים. [במדבר 14:23; דברים 1:35]

[49] אייערע אבֿות האָבן געגעסן אין דעם מדבר די מן און זײַנען געשטאַרבן.

[50] דאָס איז דאס לֶחֶם וואָס קומט פון שמים, אַז עמיצער זאָל קענען עסן פון דעם און זאָל ניט שטאַרבן. [בראשית 3:22]

[51] אני הוא דאָס לֶחֶם החיי (דאָס לעבעדיק ברויט) וואָס קומט אראָפּ פֿון שמים. אויבֿ איינער עסט פֿון דעם לֶחֶם וועט ער לעולם ועד (אייביק). און באמת, דאָס לֶחֶם וואָס איך וועל זעבן אין נאָמען פֿון דאס חיים (לעבן) פון העולם איז דער בשר פֿון מיר.

[52] דעריבער האָבן די פֿון יהודה געטנהט צווישן זיך, זאַגנדיק, ווי קען דער מאָן אונדז געבן דעם בשׂר פֿון זיך צו עסן?

[53] דעריבער, האָט רבי, מלך המשיח געזאָגט צו זיי, אמן, אמן, איך זאָג צו אײַך, אויבֿ איר עסט ניט די [סעודַת משיח] בשר פֿון דעם בֶּן האַדם און טרינקט [דעם קידוש כּוס פֿון דעם בּרית חדשה אין] זײַן דם, האָט איר ניט חיים (לעבן) אין זיך.

[54] דער איינער וואָס עסט מײַן [שׂה אלהים] בּשׂר און טרינקט [כּוס פֿון אויסלייזונג אין] דמי האָט חיי עולם און איך וועל אים אויפהייבּן אין דעם יום האחרון.

[55] ווייל דאָס בּשׂר פֿון מיר איז אֹכֶל אמת (אמתע עסן) און דמי איז שִׁקּוּי אֱמֶת (אמתע געטראַנק) .

[56] דער איינער  וואָס עסט מײַן בּשׂר און טרינקט דמי לעבּט אין, [ישעיה 53:7;שמות 12:3] וואוינט אין מיר און איך אין אים.

[57] פּונקט ווי האַבֿ החיַי האָט מיר  געשיקט און איך לעבּ  צוליבּ האַבֿ, אזוי אויך וועט דער איינער וואָס עסט פֿון מיר דער איינער וועט אפילו לעבן צוליבּ מיר.

[58] דאָס איז דער לֶחֶם וואָס איז ארויס פֿון שמים און איז ארונטען געקומען, ניט ווי די אָבות האָבן געגעסן און זײַנען געשטאָרבּן; דער איינער וואָס עסט פֿון דעם לֶחֶם וועט לעבן לעולם ועד.

[59] די זאַכן האָט רבי מלך המשיח געזאָגט אין אַ  שול ווען ער האָט געלערנט אין כּפַר-נחום.

[60] דעריבער, האָבּן אַ סך פון  רבּי מלך המשיח'ס תּלמידים געהערט, געזאָגט, די דבר תורה איז שווער. ווער איז בּכּוח דאָס צו הערן [ישעיה 53:1]?

[61] און רבי,  מלך המשיח, האָבּנדיק  דעת  אין זיך אז זיינע תלמידים בּורטשען וועגן דעם, האָט געזאָגט צו זיי,  פֿאַרשאַפּט דאָס אַ מכשל (שטרויכל  שטיין) פֿאַר אײַך?

[62] דגרפֿאַר, וואָס וואָלט געשען אויבּ איר וואָלט געזען דעם בּן האדם ארויפֿגיין וואן ער איז געווען בּראשית (אין דעם אָנהויבּ)?

[63] דער רוח הקודש איז וואָס גיט לעבּן, דער בּשׂר געניסט ניט גאָרניט. די דברים וואָס איך האָבּ צו אײַך געזאָגט זיינען ווי רוח הקודש און זיי זײַנען ווי חיים (לעבּן).

[64] אבּער עס זיינען פאַראַן בּײַ אייך אייניקע וואָס האָבּן ניט אמונה (גלויבּן). ווײַל פֿון בּראשית האָט רבי מלך המשוח געהאָט דעת

ווער עס זיינען די אייניקע וואָס האָבּן ניט אמונה און ווער איז דער איינער וואָס באַראַדט אים.
[65] און ער האָט געזאָגט, צוליבֿ דעם, האָבּ איך אייך געזאָגט אַז ניט איינער איז בּכּוח צו קומען צו מיר בּלויז אויבֿ עס איז אים געגעבן געוואָרן פֿון האַבֿ.
[66] דאַן זינט, זײַנען א סך פֿון די תּלמידים פון רבּי מלך המשיח געפאלן אָפּ און אים מער ניט נאָכגעפֿאָלגט  אלס תלמידים.
[67] דעריבער האָט רבּי, מלך המשיח געזאָגט צו די שנים עשר (צוועלף), זיכער ווילט איר אויך ניט אוועקגיין?
[68] אין ענטפֿער, האָט שמעון כֵּיפָא געזאָגט צו  רבי  מלך המשיח, אדוני, צו וועמען וועלן מיר גיין? דו האָסט די  דברי  החיי עולם.
[69] און מיר האָבּן בּטחון און האָבּן מיט אמונה געטרויט און מיר האָבּן דעת אַז דו בּיסט הקדוש פֿון השם (דער הייליקער פֿון ג-ט, ישעיה 49:7).
[70] אין ענטפֿער, האָט רבּי  מלך המשיח געזאָגט צו זיי, האָבּ איך נט שנים עשר (צוועלף) אויסגעקלייבן? און איז ניט אײַנער פון אײַך אַ שטן?
[71] איצט האָט ער גערעדט וועגן יהודה בּן שמעון פֿון קריות, ווײַל, כאָטש ער איז געווען איינער פֿון די שנים עדר, האָט דער איינער געהאַלטן בּײַם פֿאַרראַטן רבי מלך המשיח.